**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**פארזעצנדיג צו ברענגען נייע האוזינג געלעגנהייטן: גאווערנער HOCHUL (האקול) אנאנסירט אפמאך צו בויען נאענט צו 1,400 נייע היימער מיט 404 פערמאנענט אפאָרדעבעל יוניטס אויף מאנהעטן'ס וועסט סייד**

***HDSN צו זיין ערשטע האוזינג דעוועלאפמענט אין ניו יארק סיטי מיט די אויפגעבויטע שטח אין אלע שטאקן זייענדיג מער פון 12 מאל פון די לאַט אין איבער 60 יאר***

***1.35 ביליאן דאלארדיגע פראיעקט פאר אויסגעמישטע באנוצן וועט דעוועלאפט ווערן דורך ביזנעס שותפות אין אייגנטום פון מינאריטעטן, 'Hudson Boulevard Collective', נאכפאלגנדיג אויסוואהל פארמעסט***

***פארגעשלאגענע דעוועלאפמענט וועט אויך ארייננעמען די פערמאנענטע היים פון א נאָן-פראָפיט קלימאט מוזעאום און האטעל צו שטיצן ניו יארק'ס מערסט פארנומענע פארזאמלונג צענטער ביי Javits***

***זעט די פלענער [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אויסוואהל פון די Hudson Boulevard Collective – א שותפות צווישן BRP Companies, BXP, The Moinian Group און Urbane Development, מיט 31 פראצענט פון די דעוועלאפמענט גרופע זייענדיג ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן – אלס די דעזיגנירטע קערפערשאפט אונטער תנאי צו אויפבויען א טראנספארמאטיווער 1.35 ביליאן דאלארדיגער פראיעקט מיט אויסגעמישטע באנוצן אויף 418 Eleventh Avenue אין מאנהעטן, אויך באקאנט אלס "Site K" פון די Jacob K Javits Convention Center. די דעוועלאפמענט איז דער ערשטער פראיעקט אין ניו יארק סיטי צו ערלויבט ווערן צו אויפבויען פריוואטע היימער מיט א שטח פון אלע שטאקן צוזאמען זייענדיג מער פון 12.0 מאל אזויפיל פון די לאט אויף וואס די געביידעס שטייען — א זאָונינג רעפארם וואס ערלויבט מער היימער צו געבויט ווערן, ערמעגליכט דורך גאווערנער Hochul (האקול)'ס האוזינג רערפארמען וואס זענען דורכגעפירט געווארן אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025. נאכפאלגנדיג א גרונטליכע פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג, וועט די פארגעשלאגענע דעוועלאפמענט HDSN – ארויסגעזאגט "האדסאן" – שאפן 1,349 וואוינונג יוניטס, ארייננרעכענענדיג 404 פערמאנענט אפאָרדעבעל היימער, אריבער די גאס פון די Jacob K Javits Convention Center. די אנגייענדע קאנסטרוקציע פלאן איז צוטיילט אין שטאפלען צו לייגן פריאריטעט אויף די וואוינונגען חלק און אונטעריאגן דאס אהערשטעלן די גאר-נויטיגע הייזער. דער פראיעקט צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט כדי צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס, בשעת'ן אויפשטעלן א לעבהאפטיגע נייע דעסטינאציע אין מאנהעטן'ס וועסט סייד.

"די טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענט שפיגלט אפ אונזער חזון פאר ניו יארק'ס צוקונפט — בויענדיג אפאָרדעבעל היימער, פאראויס גייענדיג מיט אונזערע קלימאט ציהלן און אויפטרייבנדיג עקאנאמישע געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער. דורכן אויסנוצן די נייע ערלויבטע געדיכטקייט פון וואוינונג הייזער וואס מיר האבן פארזיכערט אין לעצטע יאר'ס בודזשעט, ווייזט HDSN ארויס וויאזוי קלוגע פאליסי ענדערונגען קענען עפענען די וועג פאר באדייטנדע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענטס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דער פראיעקט איז א ביישפיל פון וויאזוי דורכגעטראכטע דעוועלאפמענט קען באקעמפן אונזער האוזינג קריזיס בשעת'ן אויפבויען לעבהאפטיגע און אריינגעמיגע קאמיוניטיס. ניו יארק טוט ווידעראמאל שטיין אין שפיץ וועג ביים ווייזן וואס איז מעגליך ווען מיר טראכטן מיט אמביציע איבער די צוקונפט פון אונזערע שטעט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופ נייט), האט געזאגט,** "די דעוועלאפמענט פון Site K איז א קריטישע מאמענט אין די אנטוויקלונג פון מאנהעטן'ס ווייטע וועסט סייד. דער פארגעשלאגענער פראיעקט וועט אהערשטעלן קריטישע אפאָרדעבעל האוזינג און אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס דורך א דינאמישע געמיש פון וואוינונג, קולטורישע און גאסטגעבונג באנוצן. דורך די נייע סארט שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן מיט די Hudson Boulevard Collective, שטופן מיר פאראויס ענווייראמענט-פריינטליכע, קאמיוניטי-קאנצענטרירטע דעוועלאפמענט וואס וועט פארשטערקערן ניו יארק'ס צוקונפט און ארויסווייזן וואס איז אלץ מעגליך ווען די רעגירונג און אינדוסטריע ארבעטן צוזאמען פאר די טובה פון אונזערע קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "די 1.35 ביליאן דאלארדיגע איבערבויאונג איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי די סטעיט'ס שעפערישע פאליסי רעפארמען ברענגען לאנג-טערמיניגע בענעפיטן פאר ניו יארקער. די לעצטע דורכגעפירטע בודזשעט האט פארשפראכן צו נוצן לאנד אין סטעיט רעגירונג אייגנטום צו בויען מער האוזינג, און דער פראיעקט העלפט מקיים זיין די צוזאג. עס וועט ברענגען מער פון 1,300 האוזינג יוניטס צו מאנהעטן, אריינרעכענענדיג מער פון 400 פערמאנענט אפאָרדעבעל אפארטמענטס, בשעת'ן אויך טראנספארמירן די ווייטע וועסט סייד'ס לאקאלע עקאנאמיע. פראיעקטן ווי HDSN זענען עדות איבער די חזון פון גאווערנער Hochul (האקול) צו בויען מער אפאָרדעבעל, ענווייראמענט-פריינטליכע און מאדערנע היימער אין יעדע קאמיוניטי אין ניו יארק."

אלס איינס פון די לעצטע איבערבלייבנדע לאטס אין סטעיט רעגירונג אייגנטום אין מאנהעטן, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאכט האוזינג – און דאס בויען אפאָרדעבעל וואוינונג יוניטס – פאר א הויפט פריאריטעט פאר 418 Eleventh Avenue'ס צוקונפטיגע באנוץ. אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט, האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט נאכאמאל ארויסגעגעבן אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן אין יולי פון 2023 וואס האט אויך אפגעשפיגלט אינטערעסן פון די ארומיגע קאמיוניטי און אויך שטופט עס פאראויס די סטעיט'ס האוזינג און עקאנאמישע אנטוויקלונג ציהלן. אנגעפירט דורך די ESD'ס פראפעסיאנאלע ריעל עסטעיט, לעגאלע און איינקויפונג מאנשאפטן, האט די פראצעדור וואס האט איבערגעקוקט אלע פארמעסטנדע פארשלאגן אריינגערעכנט אן ארומנעמיגע אנאליזירונג פון יעדע פארשלאג און אינטערוויוס מיט אלע קוואליפיצירטע קאנדידאטן. די קאנסטרוקציע פון די האוזינג חלק פון דעם פראיעקט, מיט א דגש צו מאקסימיזירן די צאל פון אפאָרדעבעל יוניטס, איז געווען די הויפט קריטעריאן לויט וועלכע די פארשלאגן זענען אנגעקוקט געווארן צו אויסוועהלן די פארשלאג פאר דעם פראיעקט. די קריטעריאנען פאר די אויסוואהל האבן אויך אריינגערעכנט די ערפארונג און פינאנציעלע שטארקייט פון יעדע דעוועלאפמענט גרופע און די פארפליכטונג פון זייערע פארשלאגן צו בויען קאמיוניטי פלעצער און איינריכטונגען, מאכן פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון די גאס און די מעגליכקייט צו

אריינברענגען נייע עקאנאמישע אקטיוויטעט צו שטיצן די Javits Center מיט גאסטגעבונג פון א הויכע קוואליטעט.

די 72-שטאקיגע East Tower פון HDSN וועט אהערשטעלן איינס פון די גרעסטע האוזינג דעוועלאפמענטס פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע שטאפלען פון איינקונפט אין די געגנט. ארויס פון די 1,349 וואוינונג יוּניטס, וועלן 30 פראצענט – אדער 404 אפּארטמענטס – זיין פערמאנענט אפּאָרדעבעל, פארזיכערנדיג לאנג-טערמיניגע האוזינג סטאביליטעט פאר הונדערטע ניו יארקע פאמיליעס מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען. די אפּאָרדעבעל טייל רעכנט אריין יוניטס פאר ניו יארקער מיט מיטלגארטיגע איינקונפט, פארדינענדיג ביז 130 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט (Area Median Income, AMI), און אזוי אויך ארבעטסקראפט האוזינג פאר די וועלכע פארדינען א דורכשניט פון 60 פראצענט פון די AMI. די אפּאָרדעבעל יוניטס וועלן זיין אויסגעשפרייט אריבער די גאנצע געביידע, און די איינוואוינער וועלן באקומען גלייכע צוטריט צו אלע איינריכטונגען. די רייע פון וואוינונג יוּניטס רעכענען אריין סטוּדיאו, איין שלאף-צימערדיגע, צווי שלאף-צימערדיגע און דריי שלאף-צימערדיגע יוּניטס — אלע האבנדיג א וואש מאשין און דרייער און צענטראלע הייצונג און קילונג אינעווייניג אין די יוּניט.

די 28-שטאקיגע West Tower וועט פארשטערקערן ניו יארק סיטי'ס פארזאמלונג און טוריזם אינפראסטרוקטור מיט א פראמינענטע האטעל דעוועלאפמענט. די טורעם וועט האבן א 455-צימערדיגע פולע סערוויס האטעל, צושטעלנדיג אקאמאדירונגען פאר פארשידענע פרייזן. די האטעל חלק רעכנט אריין איינריכטונגען דעזיינט צו שטיצן די Javits Center'ס אפעראציעס, אריינרעכענענדיג זאלן, זיצונג צימערן, גאסט אויפנאמע פלאץ, עסנווארג און געטראנקען געשעפטן, בויגזאמע פלעצער פאר אומאפיציעלע באגעגענישן, א דזשים און דרויסנדיגע איינריכטונגען אריינרעכענענדיג א דאך מיט א בליק אויף די האדסאן ריווער.

די דעוועלאפמענט'ס פינף-שטאקיגע אונטערשטע טייל וועט אוועקשטעלן א צענטער פונקט פון קולטורישע, עדזשוּקעישען און קאמיוניטי איינריכטונגען, מיט די הויפּפונקט זייענדיג די פערמאנענטע היים פון די Climate Museum, צפון אמעריקע'ס פירנדע מוזעאום געווידמעט צו קלימאט טויש און קלימאט לייזונגען. אויפנעמנדיג 24,000 סקוועיר פיס אריבער דריי שטאק, וועט דאס האבן פלאץ פאר אויסשטעלונגען, אן אקטיוויטעטן צענטער און חינוך'דיגע איינריכטונגען. די מוזעאום וועט האבן קלימאט-טעכנאלאגיע פראגראמען, אפגעהאלטן בשותפות מיט NYSERDA צו שטיצן פרישע ביזנעסלייט וואס קומען אויף מיט שעפערישע קלימאט לייזונגען דורך הילפס-מיטלען צו פלאנירן פאר מעניופעקטשורינג, באגלייטונג פראגראמען און ווארקשאַפּ פלעצער.

די קאמיוניטי צענטער וועט אויך פאראויס שטופן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און געזונטהייט איניציאטיוון דורך צוויי וויכטיגע שותפות'ן. Emma's Torch איז פלאנירט צו אויפהאלטן א 4,000-סקוועיר-פיסיגע רעסטוראנט און טרענירונג איינריכטונג וואס וועט צושטעלן קאכן טרענירונג און סערוויסעס צו העלפן פליטים און איבערלעבער פון מענטשן האנדל טרעפן דזשאבס דורך זייער אינטענסיווע 10-וואכיגע אפּרענטיסשיפּ פראגראם. ערגענצנדיג די איינריכטונגען, וועט א הערליכע 60,300-סקוועיר-פיסיגע Life Time איבונגען און וואוילזיין צענטער צושטעלן ארומנעמיגע געזונטהייט און וואוילזיין פראגראמען אריבער פיר שטאק, אריינרעכענענדיג א דרויסנדיגע שווים באסיין און טעראסע אויפן דאך, אפן סיי פאר איינוואוינער און סיי פאר די ברייטערע קאמיוניטי. אריינגערעכנט אין די געביידע וועט זיין א 5,000-סקוועיר-פיסיגע טייל פון די דעוועלאפּמענט געהיטן פאר צוקונפטיגע קאמיוניטי פראגראמען אפּציעס.

אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן, וועט HDSN ציהלן צו באקומען LEED Gold סערטיפיקאציע און צו אריינבויען ענערגיע-שפּארזאמע געביידע סיסטעמען און פארגעשריטענע וואסער קאנטראל, אריינרעכענענדיג ריסייקלען 'גרויע וואסער' (פון קראנען א.ד.ג.) און

איבערנוצן רעגן וואסער צו באוואסערן פלאנצונגען, און עס וועט זיך באנוצן מיט ענווייראמענט-פריינטליכע מאטעריאלן דורכאויס קאנסטרוקציע. אין צוגאב, פלאנירט די Climate Museum צו ארבעטן צו באקומען Living Building Challenge סערטיפיקאציע און צו האבן פולשטענדיג קארבאן-באלאנסירטע אפעראציעס. די אינציאטיוון שטעלן אוועק HDSN אלס א מוסטער פאר ענווייראמענטאלע פירערשאפט און ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע שטאטישע דעוועלאפמענט.

די HDSN דעוועלאפמענט וועט שאפן לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר ניו יארק סטעיט דורך די קאנסטרוקציע און פערמאנענטע דזשאבס ביי די ביזנעסער אין די דעוועלאפמענט. דער פראיעקט איז ערווארטעט צו ברענגען טויזנטע קאנסטרוקציע דזשאבס אין לויף פון די עטליכע יאר וואס עס וועט נעמען עס צו אויפבויען, נאכגעפאלגט מיט הונדערטע פערמאנענטע פאסטנס ביי די גאסטגעבונג, ריטעיל, קולטורישע אינסטיטוציעס און געביידע אפעראציעס. די האטעל וועט באזונדערס פארשטערקערן ניו יארק סיטי'ס טוריזם עקאנאמיע דורכן אויסברייטערן אקאמאדירונג אפציעס פאר מענטשן וואס קומען זיך באטייליגן ביי Javits Center פארזאמלונגען, העלפנדיג צוציהען מער גרויסארטיגע געשעענישן און קאנפערענצן צו די סיטי.

דער פראיעקט'ס פארפליכטונג צו די קאמיוניטי גייט נאך ווייטער ווי די עקאנאמישע השפעה מיט איר פארזיכטיג דעזיינטע עפנטליכע ערטער. Hudson Boulevard Collective האט פארגעשלאגן א דעזיין מיט ברייטע פארבעסערונגען פאר עפנטליכע פלעצער וועלכע וועלן טראנספארמירן די ערפארונג פון פיסגייער לענגאויס 35th Street. די פארבעסערונגען רעכענען אריין נייע לענדסקעיפינג, זיץ פלעצער און פארבעסערטע באלייכטונג וועלכע וועלן צושטעלן גלאטע וועגן צווישן די Javits Center, Bella Abzug Park און די ברייטערע האדסאן יאַרדס דיסטריקט. די לאקאציע פון דעם פראיעקט אפפערט אויסנאמליכע פובליק טראנספארטאציע צוטריט, מיט דירעקטע פארבינדונג צו די **7** סאָבוועי ליניע און די **M34** קראָס-טאון באס, און עס איז א קורצע שפאציר פון די Moynihan Train Hall און Penn Station באן סטאנציעס.

דער פארגעשלאגענער פראיעקט וועט געספאנסארט ווערן דורך די ניו יארק קאנווענטשען צענטער דעוועלאפמענט קארפארעישען (New York Convention Center Development Corporation), א קערפערשאפט אינערהאלב עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, אונטער אן אלגעמיינער פראיעקט פלאן. עס וועט זיין פארלאנגט צו אריבערגיין אן ענווייראמענטאלע איבערבליק אונטער דעם סטעיט ענווייראמענטאלע קוואליטעט איבערבליק געזעץ ( State Environmental Quality Review Act, SEQRA), און עס וועט פארגעשטעלט ווערן פאר די פובליקום עס צו איבערקוקן און קאמענטירן בעפאר די ענדגילטיגע איבערבליק און באשטעטיגונג.

**פון די גרינדער פון BRP Companies און א מענעדזשינג שותף, Geoff Flournoy (דזשיאף פלארנאי), האט געזאגט,** "דער דורכברעכנדער פראיעקט איז א ביישפיל פון אן אומפארגלייכליכע אונטערנעמונג צו העלפן לייזן ניו יארק סיטי'ס אפאָרדעבעל האוזינג קריזיס דורך שעפערישע דעוועלאפמענט וואס וועט טרייבן עקאנאמישע וואוקס און אהערשטעלן א קריטיש-נויטיגע גערעכטע האוזינג געלעגנהייט פאר מאנהעטן'ס וועסט סייד. מיר קוקן ארויס צו אונזער פארגעזעצטע ארבעט צוזאמען מיט אונזערע שותפים, די סיטי, סטעיט און אלע פארמישטע קאמיוניטי קערפערשאפטן אזוי ווי מיר רוקן זיך פאראויס אריבער די קומענדיגע שטאפלען צו בויען די גאר-נויטיגע האוזינג פאר ניו יארקער וואס וועט אויפהייבן די ארומיגע קאמיוניטי צו פארזיכערן איר לאנג-טערמיניגע וואוקס און סטאביליטעט."

**BXP ניו יארק ראיאן עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, Hilary Spann (הילערי ספּען), האט געזאגט,** "ניו יארקער ווילן האבן באקוועמע צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט נאענט צו באשעפטיגונג געלעגנהייטן און עפנטליכע איינריכטונגען ווי די האדסאן ריווער פארק, די וואסער ברעג און

די High Line. מיר זענען באגייסטערט צו שטיצן די אנטוויקלונג פון די קאמיוניטי דורכן אריינרעכענען די וויכטיגע באנוצן. מיר קוקן אויך ארויס צו ארבעטן פון די נאענט מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט און סיטי רעגירונג צו פאראויס רוקן דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט."

**CEO פון The Moinian Group, Joseph Moinian (דזשאָוסעף מאָיניען), האט געזאגט,** "שטייענדיג אינמיטן א היסטארישע האוזינג קריזיס אריבער ניו יארק סיטי, נעמט דער פראיעקט אונטער א קריטישע טריט אין ריכטונג פון צושטעלן גאר-נויטיגע היימער צו מאנהעטן'ס וועסט סייד. מיר קוקן ארויס צו פאראויס רוקן דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט פאר די וועסט סייד קאמיוניטי, א ראיאן פון מאנהעטן אין וועלכע אונזער פירמע איז טיף איינגעווארצלט און צו וועלכע עס איז פארפליכטעט."

**פרינציפאל און CEO פון Urbane Development, James Johnson-Piett (דזשעימס דזשאנסאן-פיעט), האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט זיך צו באטייליגן אין די טראנספארמאטיווע דעוועלאפמענט וואס איז אוועקגעשטעלט אין די הארץ פון Hudson Yards און די וועסט סייד. דער פראיעקט וועט אהערשטעלן אפאָרדעבעל האוזינג פון א הויכע קוואליטעט, דעזיינט מיט א קלימאט-שטיצנדע צוגאנג זיך באנוצנדיג מיט די פארגעשריטנסטע ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגקייט מעטאדן. חוץ פון האוזינג וועט עס אויך שטופן קאמיוניטי באנוצן וואס טרייבן עקאנאמישע און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, פארשענערן עפנטליכע ערטער און בארייכערן די ערפארונג פון די Javits פאר באזיכער און איינוואוינער צוגלייך. מיר זענען באגייסטערט צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שותפים אין די Hudson Boulevard Collective און די סטעיט און סיטי רעגירונג צו ברענגען די אייגנארטיגע חזון צו מקוים ווערן."

**מאנהעטן בארא פרעזידענט Mark Levine (מארק לעווין) האט געזאגט,** "דאס איז א גרויסע טריט אויף פאראויס פאר די דעוועלאפמענט פון Site K, א טריט וואס וועט עפענען די וועג פאר טויזנט יוניטס פון האוזינג און העלפן אדרעסירן אונזער אפאָרדעבעל האוזינג קריזיס. אלס דער ערשטער פראיעקט צו אויסנוצן די ערלויבטע העכערע געדיכטקייט, וועט די לאקאציע אויספלאסטערן די וועג פאר מער האוזינג און ארויסווייזן וויאזוי מיר קענען בויען א מער לעבהאפטיגע און אריינגעמיגע סיטי. חוץ פון דאס צושטעלן גאר-נויטיגע היימער פאר ניו יארקער, וועט דאס אויך אריינגעמען די Climate Museum און א וויכטיגע קאמיוניטי צענטער — ביידע באגייסטערנדע צוגאבליכע עלעמענטן. דער פראיעקט איז אריינגערעכנט געווארן אין מיין Housing Manhattanites באריכט צוליב די געלעגנהייט וואס עס ברענגט, און איך בין באגייסטערט אז עס רוקט זיך פאראויס."

**מאנהעטן קאמיוניטי באורד 4 (Manhattan Community Board 4, MCB4) פארזיצערין, Jessica Chait (דזשעסיקע טשעיט), האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג קומט טיילוויז אלס רעזולטאט פון יארן פון שתדלנות דורך די קאמיוניטי און פון די צוזאמענארבעטנדע צוגאנג אנגעפירט דורך די גאווערנער'ס אפיס וואס שטעלט פריאריטעט אויף האוזינג און קאמיוניטי איינריכטונגען. די מאנהעטן קאמיוניטי באורד 4 אפלאדירט די אויפבויאונג פון 1,349 יוניטס פון האוזינג, 30% פון וועלכע וועלן זיין אפאָרדעבעל פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען. די גאווערנער'ס פארפליכטונג אז די קאנסטרוקציע פון די האוזינג וועט באקומען פריאריטעט און וועט נישט זיין אנגעוויזן אויף אלטערנאטיווע פינאנצירונג ווי די האטעל, ערפילט א לאנגיאריגע ציהל פון MCB4'ס אפאָרדעבעל האוזינג פלאן."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די אקטיווע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט

קאמיוניטיס, נייע אנרייך מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו שאפן מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימען אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער.

אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער אנאנסירט א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך דאס אריבערפירן 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

לעצטע אויגוסט, האט גאווערנער Hochul (האקול) אויך אנאנסירט דעם האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס (Pro-Housing Communities) פראגראם. פרא-האוזינג קאמיוניטי סערטיפיקאציע איז א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין סטעיט וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען מער ווי 250 קאמיוניטיס געווארן בארעכטיגט, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן